# קיצורים

## מענדעלע מוכר־ספֿרים

### ר׳ פֿײַטל

אפֿשר גאָר אַ ניט באַקאַנטער ׳נוסח מענדעלע׳: אַ פֿראַגמענט, אויף אַ גאַנץ רעאַליסטישן גאַנג, וואָס שטעלט פֿאָר אַן אָרעמע ייִדישע משפּחה אין אַ שטעטל, בשעת זייער איינציקער זון איז משמעות אומגעקומען אויפֿן פֿראָנט העט ווײַט אין בולגאַריע. דער טאַטע נעבעך, טאַקע דער ר׳ פֿײַטל, איז געבליבן אָן פּרנסה, און ער איז געצוווּנגען זיך צו פֿעדערן און אַרויספֿאָרן קיין פּעטערבורג צו געפֿינען דאָרט אַ שטיקל חיונה פֿאַר זײַן אָרעמער משפּחה.

## אַבֿידבֿ ליפּסקער

### דער שפּיגל וואָס האָט ניט קיין שײַן געטאָן דעם ר׳ שמעון הגדול פֿון מײַנץ

אין סאַמע צענטער פֿון דעם אַרטיקל ווערט באַהאַנדלט אויספֿירלעך די געשיכטע נומ׳ 187 פֿונעם ׳מעשׂה בוך׳ (באַזעל, 1602), וועלכע איז באַקאַנט מיטן נאָמען ׳אלחנן דער ייִדישער פּויפּסט׳.

על פּי אָט אָ דער געשיכטע קומט אויס, אַז אלחננען, דעם זון פֿון ר׳ שמעון הגדול, האָט די קריסטלעכע דינסט געכאַפּט און אים איבערגעגעבן אין די הענט פֿון גלחיש־נזירישע דערציִערס און לערערס. מען האָט אים דאָרט אויסגעהאָדעוועט פֿאַר אַ גוטן קריסט, און ער איז געוואָרן אַ גלח, אַ נזיר און שפּעטער גאָר אַ קאַרדינאַל און אַפֿילו אַ פּויפּסט. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז ער שטאַמט פֿון אַ ייִדישער משפּחה. האָט ער אײַנגעלאַדן זײַן טאַטן צו זיך, האָט זיך פֿאַר אים אַנטפּלעקט, און טאַדלענדיק שאַרף די קריסטלעכע אמונה האָט ער זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון אַ טורעם, און איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ קדוש.

די דערציילונג האָט אַ גאָר נאָענטע שייכות צום אינטערנאַציאָנאַלן טיפּישן שליסל AaTh 671 (׳אַ ייִנגל אַ פּויפּסט׳ אָדער ׳די דרײַ שפּראַכן׳). פֿון אַ פֿאַרגלײַך צווישן דער ייִדישער מעשׂה מיט די נוסחאות אין קריסטלעכן פֿאָלקלאָר, קען מען אַ סך לערנען וועגן דער ספּעציפֿישער טענדענץ פֿון דער געשיכטע אין ׳מעשׂה בוך׳. דעם מערקווירדיקן אַספּעקט פֿון ייִדישן נוסח קען מען שוין געפֿינען אין דער

עקספּאָזיציע, אין וועלכער עס ווערט דערציילט, אַז דער טאַטע האָט געהאַט בײַ זיך אַ וווּנדער־שפּיגל, וואָס האָט אָבער אין געגעבענעם פֿאַל ניט קיין שײַן געטאָן און ניט געהאָלפֿן צו געפֿינען זײַן זון. עס קען גרײַלעך זײַן אַן אָנצוהערעניש אויף דער באַגרענעצטקייט פֿונעם טאַטנס מאַגישן כּוח, און אפֿשר אַזוי אויך מרמז זײַן אויף די אינעווייניקסטע ווידעראַנאַנדן אין דער ייִדישער קולטור פֿון אשכּנז צווישן דער מאַגישער חכמה און די ווערטן פֿון טראַדיציאָנעלער למדנות.

שמואל ווערסעס

# פֿון שפּראַך צו שפּראַך: כאַראַקטעריסטישע שטריכן אין יוסף פּערלס ייִדישן נוסח פֿון 'מגלה טמירין'

דער אַרטיקל ברענגט אַ פּרטי־פּרטימדיקן טעקסטועלן פֿאַרגלײַך צווישן צוויי וואַריאַנטן פֿון יוסף פּערלס אַנטי־חסידישער סאַטירע 'מגלה טמירין', איינער אויף העברעיִש און דער אַנדערער אויף ייִדיש. פֿון אָטאָ דעם פֿאַרגלײַך קומט אַרויס, אַז דער ייִדישער נוסח איז עמאָציאָנעל מער באַטאָנט און די געשטאַלטן זײַנען פֿאַרביקער פֿאָרגעשטעלט אין דער גערעדטער פֿאָלקס־שפּראַך און אירע ספּעציפֿיש רײַך־אידיאָמאַטישע אויסדרוקן. די באַזונדערס אינטענסיווע פּיליקייט פֿון די חסידים קומט צום אויסדרוק אין אַלץ וואָס איז נוגע דעם 'בוך' — אַ פֿרעמד־שפּראַכיקער חיבור וואָס מאַכט די חסידים אויסצודרייען און איז פֿול מיט שׂינאה צו זיי און צו זייערע גענג — און דערפֿאַר טאַקע זוכן זיי אים אַרום כּדי צו מאַכן פֿון אים אַ תּל. אָטאָ דער געיעג נאָכן 'בוך' איז טאַקע די צענטראַלע אַקס, וואָס אַרום איר דרייט זיך דער סיוזשעט פֿון 'מגלה טמירין'.

אין דער ייִדישער איבערזעצונג זײַנען פֿאַראַן טעקסטועלע הוספֿות, וואָס ברענגען מער פּרטים איידער אין דעם העברעיִשן מקור. מען קען באַשײַמפּערלעך זען, אַז דער ייִדישער נוסח איז רעאַליסטיש פֿאַרברייטערט. אויסער דעם ווערן אויך געוויסע פּרטים געענדערט און די סאַטיריש־פּאַראָדישע טענדענץ ווערט אַ סך מילדער. אין ייִדישן נוסח ווערן בולטער די דירעקטע דיאַלאָגן, אין העברעיִש דאַקעגן זײַנען רײַכער די פֿראַגמענטן, אין וועלכע דער מחבר ברענגט אַן אויספֿירלעכן סיכום פֿון אַ לעבעדיקן שמועס טאַקע מיט זײַנע אייגענע ווערטער.

דער פֿאַרגלײַך מוז טאַקע גרײַלעך באַשטעטיקן, אַז יוסף פּערל אַליין איז דער מחבר און דער איבערזעצער. זײַן צוויי־שפּראַכיקייט ווערט אויך באַשטעטיקט פֿון זײַנע אַנדערע ווערק, וואָס זײַנען כּסדר אָפּגעפֿונען געוואָרן.

## אַבֿרהם ליס

# שלום־עליכמס עפּיסטאָלאַרע ירושה

דאָס איז אַ קורצער אַרײַנפֿיר צו אַ גוואַלדיק גרויסער אַרבעט, וואָס דער מחבר האָט אויסגעפֿירט צוזאַמענזאַמלענדיק אין איין בוך (716 זײַטלעך) 713 בריוו פֿון שלום־עליכמס קאָרעספּאָנדענץ, ווי אויך גאָר וויכטיקע ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע באַמערונגען. דאָס בוך איז אַרויס דורכן י.ל.פּרץ־פֿאַרלאַג און בית שלום־עליכם אין תּל־אָבֿיבֿ (תשנ״ה–1995).

## אילנית יעקבֿ

# וועגן אַ פּלאַן צו פֿאַרעפֿנטלעכן שלום־עליכמס ווערק אין פֿאַרלאַג 'מוריה'

די יונגע פֿאָרשערין קוקט זיך צו דורך אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז צו אַ געוויסן עפּיזאָד אין שלום־עליכמס צוזאַמענטרעף מיט חיים נחמן ביאַליקן. דאָ ווערט פֿאַרעפֿנטלעכט ביאַליקס אַ בריוו, געשריבן אין שיינע־שיינדל מנחם־מענדלס נוסח, ווו ער וואַרפֿט פֿאַר שלום־עליכמען הלמאי ער האָט אָפּגעגעבן די רעכט צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם באַנד פֿון זײַנע ווערק אויף העברעיִש דווקא דעם וואַרשעווער פֿאַרלאַג פֿון לידסקי. דער גאַנג פֿון דעם פֿאַרדראָסיקן אינצידענט ווערט פּינקטלעך באַהאַנדלט אין דעם עסיי.

## יעקבֿ ווײַצנער

# די פּרווי אין שלום־עליכמס 'טבֿיה דער מילכיקער'

עס ווערט אין דעם עסיי באַטראַכט שלום־עליכמס קינסטלערישער צוגאַנג צו דעם פֿונדאַמענטאַלן קריזיס, וואָס האָט צערודערט דאָס ייִדישע טראַדיציאָנעלע לעבן אין רוסלאַנד און גורם געווען די שווערע פֿונאַנדערפֿאַלונג פֿון דער פּאַטריאַרכאַלער משפּחה. גאָר ניט צופֿעליק האָט שלום־עליכם אויסגעקליבן אַ פּרווי צו רעפּרעזענטירן דעם נײַעם דור און זײַנע צעבונטעוועטע גענג. דער מחבר באַווײַזט גאַנץ קלאָר אויפֿן חילוק צווישן דעם דראַמאַטישן זשאַנער אין שלום־עליכמס 'צעזייט און צעשפּרייט' און זײַן קינסטלערישע אויפֿפֿאַסונג אין 'טבֿיה דער מילכיקער'. אין צענטער ווערט בולט די טראַגישע פֿיגור פֿון דער טאָכטער חווה, וואָס פֿאַרליבט זיך אין אַ ״גאָרקי״ און פֿאַלט אַרײַן אין אַ ייִדן־פֿײַנטלעכן קרײַז.

## דוד־הירש ראָסקעס

# אַנ־סקיס אומקער ווי אַ מוסטעראַקט אין פֿיר אַקטן

ש. אַנ־סקי האָט זיך קונה־שם געווען בײַם לעבן ניט צוליב זײַן דראַמע 'צווישן צוויי וועלטן' אָדער 'דער דיבוק' נאָר צוליב זײַן לעבן גופֿא; דהיינו, צוליב דעם וואָס ער האָט זיך אַ קער געטאָן פֿון רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק צוריק צום אייגענעם פֿאָלק און צו דער ייִדישער ליטעראַטור. פֿאַראַן אַ סך יש־אומרימס צו דערקלערן זײַן תּשובֿה־טאָן בפֿרהסיא, יאַנואַר 1910, בײַ אַ באַנקעט לכּבֿוד אים אין פּעטערבורג. ווי באַלד מען צעגלידערט די פֿאַרשיידענע ביאָגראַפֿישע מקורים, ווי אַ שטייגער זײַנע אויטאָביאָגראַפֿישע שריפֿטן, זײַנע בריוו, מיטצײַטלערישע זכרונות ועל כּולם, זײַנע 16 יאָר אין דינסט פֿון דער נאַראָדניטשעסטוואָ, באַקומט זיך אַ ביז גאָר קאָמפּליצירט בילד.

אַנ־סקיס לעבן טיילט זיך אײַן אויף פֿיר אַקטן. אין ערשטן אַקט באַווײַזט זיך אַ געוועזענער וויטעבסקער עילוי און פֿלאַם־פֿײַערדיקער משׂכּיל וואָס נעמט אָן די קריוודע פֿונעם רוסישן פּויערטום אינעם דאָנעץ־באַסיין, בײַ יעקאַטערינאָסלאַוו. דאָרט ווערט סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש פֿאַראייגנט ווי סעמיאָן אַקימאָוויטש. אין צווייטן אַקט נעמט אָן דער 28־יאָריקער נאַראָדניק דעם פּסעוודאָנים ש. אַנ־סקי און וואַנדערט אויס קיין פּאַריז. אין פּאַריז קומען זיך צונויף די ווײַטערדיקע גורמים: זײַן דויערנדיקע פֿרײַנדשאַפֿט מיט חיים זשיטלאָווסקין, דאָס אַנטפּלעקן י.ל.פּרצן לייענענדיק זײַנע שריפֿטן, די באַקאַנטשאַפֿט מיטן פֿאַרשמטן רעוואָלוציאָנער גאַפּאָן, זײַנע אָפֿטע באַזוכן אין זשענעווע בײַ דער ציוניסטישער יוגנט און בכלל דער קער צו נאַציאָנאַלער פּאָליטיק בײַ אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פֿון יענער צײַט. אויפֿן פֿאָן פֿון די אַלע גורמים קערט זיך אַנ־סקי אום צוריק צו שרײַבן ייִדיש. אַ דאַנק דער פּאָליטישער אַמנעסטיע באַזעצט ער זיך אין און אַרום פּעטערבורג, וווּ ער אַרבעט ווי אַ ייִדיש־רוסישער זשורנאַליסט און לעקטאָר. עד כּאן דער באַקאַנטער ביאָגראַפֿישער מוסטער פֿון רעוואָלט־קריזיס־און־תּשובֿה. (פֿאַראַן אַפֿילו אַ סבֿרה, אַז אַנ־סקי זאָל האָבן תּשובֿה געטאָן בפּועל־ממש). אָבער ערשט אין פֿערטן אַקט, אַנטפּלעקנדיק די 'תּורה שבעל־פּה' פֿון עמך אויף היימישער וואָלינער ערד, איז שלמה־זאַנוול ראַפּאָפּאָרט געוואָרן דער נבֿיא פֿון אַ פֿאָלקיסטישן רענעסאַנס און עס האָבן זיך פֿאַראייניקט די רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן פֿון סעמיאָן אַקימאָוויטש מיט אַנ־סקיס מײַסטערפּלאַן פֿאַר דער מאָדערנער ייִדישער קולטור.

די מעשׂה פֿון אַנ־סקיס לעבן באַווײַזט באַשײַמפּערלעך אַ מוסטער פֿון "תּשובֿה" אין מאָדערנעם ייִדישן לעבן, וואָס איז דורכויס דיאַלעקטיש.

אַבֿרהם גרינבוים

## דוד בערגעלסאָנס ′אַן עדות′ ווי אַן אָנצוהערעניש אויפֿן גורל פֿון סאָוועטישן ייִדנטום

איינער פֿון די חשובֿסטע ייִדישע שרײַבער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, דוד בערגעלסאָן, האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן לעצטן אָפּקלײַב פֿון דערציילונגען אין 1947־סטן יאָר. אַ יאָר שפּעטער איז ער שוין געוואָרן אַרעסטירט און אַרײַנגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה לויט סטאַלינס פּלאַן חרובֿ צו מאַכן לחלוטין די ייִדישע קולטור.

די דערציילונג ′אַן עדות′ שטעלט פֿאָר אַן עלטערן מענטשן, וועלכער איז ניצול געוואָרן פֿון אומקום אין דער צײַט פֿון דער נאַצישער הערשאַפֿט. דער אָ מאַן וערט משמעות פֿון אַ סימבאָליסטישן טעם גאָר ניט אָנגערופֿן בײַ זײַן נאָמען. ער דערציילט אַ יונגער ייִדישער מיידל זײַנע איבערלעבונגען אין אַ נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער גופֿא איז דאָס דער עדות, וועלכער דיקטירט זײַנע זכרונות דווקא אויף ייִדיש, בשעת דאָס מיידל שרײַבט אויף רוסיש. ער איז געבליבן דער לעצטער עדות צו פֿאַרשרײַבן די שרעקלעכע מעשׂים רעים. צו זיי קומט צו אַ רוסישער יונגערמאַן, וועלכער האָט אויך פֿאַרלאָרן זײַנע עלטערן אין דער צײַט פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע.

די דערציילונג איז עלעהיי אַ משל אויפֿן גורל פֿון סאָוועטישן ייִדנטום. דער ספּעציפֿיש ייִדישער וועג פֿון ייִסורים קען גרײַלעך באַווײַזן, אַז די באַציִונגען צווישן די ייִדן און ניט־ייִדן זײַנען פּרינציפּיעל פּראָבלעמאַטיש. די ייִדן שטעלן פֿאָר מיט זיך אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּירונג, הגם זייער שפּראַך וועט שוין ניט זײַן ייִדיש נאָר דורכויס רוסיש.

חנא שמערוק

## יצחק באַשעוויס — דער מעשׂה דערציילער פֿאַר קינדער

ווי עס ווײַזט זיך באַשײַמפּערלעך אַרויס פֿון דער אויספֿירלעכער פֿאָרשאַרבעט איז יצחק באַשעוויס־זינגער געווען ניט נאָר אַ שרײַבער פֿאַר דערוואַקסענע, נײַערט אויך אַ ווונדערלעכער מעשׂה־דערציילער פֿאַר קינדער, הגם ער אַליין האָט יאָרן לאַנג געהאַלטן דאָס שרײַבן פֿאַר קינדער פֿאַר ניט גענוג ערנצט און טיפֿזיניק.

אין דעם עסיי ווערן פֿאָרגעשטעלט ניט נאָר די ″זעקס און דרײַסיק דערציילונגען אין דער רעפּרעזענטאַטיווער זאַמלונג פֿון דער שרײַבערס מעשׂיות פֿאַר קינדער אין ענגלישע איבערזעצונגען″. עס עפֿנט זיך אַ ברייטער האָריזאָנט, וואָס אַנטפּלעקט פֿאַר יעדער איינעם וואָס וויל זיך נאָענט באַקענען מיט יצחק

באַשעוויסעס קינסטלער־ישער וועלט, אַז זײַן קינדער־שאַפֿונג איז גאָר אַ רײַכער און אַן אינטערעסאַנטער פּרק אין זײַן שעפֿערישער וועלט.

דער עסיי איז איבערזעצט פֿון ייִדישן אָריגינאַל, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין זאַמלבוך "אָקספֿאָרדער ייִדיש", נומ׳ 3, 1995, ז"ז 233–279.

## מיכאל אַסטור

# לייזער וואָלף

דער דאָזיקער אַרטיקל איז צו ערשט אַרויס אינעם זשורנאַל ׳אויפֿן שוועל׳, ניו־יאָרק, אָקטאָבער־נאָוועמבער 1960, צום פֿופֿציקסטן געבוירן־טאָג פֿון לייזער וואָלף (1910–1943), איינער פֿון די פֿאַרלייגערס און פֿירנדיקע מיטגלידערס פֿון דער שרײַבער־ און מאָלער־גרופּע ׳יונג־ווילנע׳. אויפֿן סמך פֿון דעם מחברס פּערזענלעכער פֿרײַנדשאַפֿט מיט לייזער וואָלפֿן און באַקאַנטשאַפֿט מיט זײַנע פֿאַרעפֿנטלעכטע און אויך אַ טייל פֿון ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע ווערק, פּרוּווט דער אַרטיקל פּרעזענטירן די עיקרדיקע שטריכן פֿון זײַן ביאָגראַפֿיע, זײַן כאַראַקטעריסטיק ווי אַ מענטש, אַן אָפּשאַצונג פֿון זײַן שפּעדיקער, אָריגינעלער און פֿילזײַטיקער שעפֿערישקייט, זײַן אַקטיווקייט אין דער ייִדישסטישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע ׳בין׳ און זײַן אידעאָלאָגישן וועג צו דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג און אַן אַקטיווער ראָלע אין איר יוגנט־אַסאָציאַציע ׳שפּאַרבער׳.

## לייזער וואָלף

# עוויגינגאָ

עס ווערט דאָ פֿאַרעפֿנטלעכט לייזער וואָלפֿס ערשטע פּאָעמע, וועלכע ער האָט אַליין אַרויסגעגעבן אין אַ משמעות פֿיקטיוון פֿאַרלאַג ׳געראַנגל׳ (1936), אין אַ דינינקן ביכעלע (סך־הכל 16 זײַטעלעך), געדרוקט אין לאַטיינישע אותיות. עס איז אונדז ניט געלונגען צו באַקומען אָטאָ דאָס ביכעלע, געדרוקט אויף צײַטונג־פּאַפּיר מיט דינינקע ראָזעווע טאָוולען. אַפֿילו ניט קיין קסעראָקאָפּיע דערפֿון. דעם ייִדישן טעקסט, מיט ייִדישע אותיות, האָט אונדז צוגעשיקט פֿון ניו־יאָרק דער היסטאָריקער און אַרכיוון־קינסטלער לייזער ראַן, זכרונו לבֿרכה, וועלכער האָט צוזאַמענגעקליבן פּאַפּירן און פּאַפּירלעך פֿון דעם גוואַלדיק גרויסן אוצר פֿון ווילנער ייִדישע כּתבֿים און כּתבֿ־ידן, וואָס איז פֿאַרטיליקט געוואָרן אין די צײַטן פֿון דער נאַצישער אָקופּאַציע.

די פּאָעמע 'עוויגינגאַ' האַלט איבער 400 שורות און זי ווערט דאָ געדרוקט אין אָריגינאַל און אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג.

## קעטרין האַלערשטיין

# ווי אַזוי רעאַגירט אַ ייִדישע פּאָעטעסע אין אַמעריקע אויפֿן חורבן פֿון איר אַלטער היים

דער עסיי ברענגט דאָ און שטעלט פֿאָר אַן אַנאַליז פֿון קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס 4 לידער, אָפּגעקליבענע פֿון איר לידערבוך 'דער מלך דוד אַליין איז געבליבן' (1946). אין דעם בוך רעאַגירט אַ ייִדישע פּאָעטעסע אין אַמעריקע אויפֿן **חורבן**, אויף דער צעשמעטערונג און פֿאַרטיליקונג פֿון ייִדישן לעבן אין אייראָפּע. אויף די פֿיר לידער ('בריוו פֿון געטאָ', 'געזעגענונג', 'חד גדיא' און 'אֵל חַנוּן') קען מען זיך צוקוקן פֿון צוויי קוקווינקלען: אַ טייל פֿון זיי שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ טראַדיציאָנעל הייליקע פּאַראָדיע, וואָס וואַקסט אַרויס פֿון די איכה־מאָטיוון (ווי עס באַווײַזן אין זייערע פֿאָרשונגען עלען מינץ און דוד ראָסקעס), אַ טייל זײַנען אַן אויסדרוק פֿון קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס אייגענעם צוגאַנג און שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ מין לירישן התגלות.

די טראַדיציאָנעלע און מאָדערנע פֿאָרמירונגען דערגאַנצן איינע די אַנדערע. געקלאַמערט אין זייער ייִדישער שפּראַך דריקן קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס לידער אויס דעם טיף מהותדיקן קריזיס אינעם גלויבן, וועלכער איז אַן אויסדרוק פֿון ייִדן, וואָס שטייענדיק טאַקע פּנים־אל־פּנים מיטן **חורבן**, וועלכער חזרט זיך איבער כּמעט דור איין דור אויס, הערן זיי ניט אויף ממשיך צו זײַן און שפּינען ווײַטער זייער שעפֿעריש־קינסטלערישע ליטעראַרישע פֿעדים.

## דוד אליהו פֿישמאַן

# די פּאָליטיק כּלפּי ייִדיש אין צאַרישן רוסלאַנד

די דאָזיקע אַרבעט האָט בדעה צו דעמאָנסטרירן דעם פֿאַקט, אַז די אַנטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער ייִדיש־קולטור אין רוסלאַנד איז כּסדר געווען געצוימט, באַשרענקט און געהאַמעוועט דורכן צאַרישן רעזשים. דער רוסישער אינערן־מיניסטעריום האָט ניט צוגעלאָזן עס זאָלן געדרוקט און פֿאַרשפּרייט ווערן ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן אין די זיבעציקער און נײַנציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט. ער האָט אויך פֿאַרבאָטן אויפֿצופֿירן ייִדישע טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען אין דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע צווישן 1883 — און 1900.

דער געזעץ האָט אויך פֿאַרבאָטן צו לערנען אין די שולן ייִדישע קינדער אויף זייער מאַמע־לשון, אויף ייִדיש. אָטאָ די פּאָליטיק שטאַמט פֿון דער טענדענץ צו רוסיפֿיצירן לחלוטין די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און דער עיקר די ייִדן, וועלכע מען האָט געהאַלטן פֿאַר אַ ספּעציפֿיש פֿאַרדעכטיקן און אומלאָיאַלן עלעמענט, וואָס וועט זיכער אויסנוצן די פּרעסע און דעם טעאַטער כּדי צו פֿאַרשפּרייטן רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע־אידעען. די ייִדישע פּרעסע און דער ייִדישער טעאַטער אין רוסלאַנד האָבן זיך צעבליט ערשט ווען די פּאָליטיק פֿון פֿאַרפֿאָלגונגען איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, אין יאָר 1905. דער פֿאַרבאָט פֿון ייִדישע שולן האָט געדויערט ממש ביזן אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די רעפּרעסיעס קעגן ייִדיש דאַרף מען אָננעמען פֿאַר איינעם פֿון די סימני־הכּר פֿון דער אַנטי־ייִדן־פּאָליטיק פֿון צאַרישן רעזשים.

## אַבֿרהם גרינבוים

# אַ פֿאַרגעסענער סאָוועטישער ייִדישיסט

יעווגעני קאַגאַראָוו (1882–1942), אַ רוסישער געלערנטער, וואָס האָט געדינט ווי אַ פֿאָרזיצער פֿון דער עטנאָגראַפֿישער אָפּטיילונג אין לענינגראַדער אוניווערסיטעט, האָט זיך לכתּחילה דער עיקר אינטערעסירט מיט דער גריכישער קולטור. פֿאָרשנדיק שפּעטער אויך די דײַטשע ציוויליזאַציע איז ער געקומען אין אַ באַריר מיט ייִדיש — און האָט זיך פֿאַרליבט אין איר. אָנהייבנדיק פֿון 1921סטן יאָר, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פֿילאָלאָגישער קאָמיסיע פֿון די ייִדיש פֿאָרשערס אין כאַרקאָוו (וואָס איר ראָש איז געווען אײַזיק זאַרעצקי). ער פֿלעגט פֿיל רעפֿערירן וועגן ייִדיש און האָט אויך געשריבן וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער עטימאָלאָגיע פֿון דער ייִדישער שפּראַך. זײַנע אַרבעטן זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין מינסקער 'צײַטשריפֿט' (1928, 1929), ווי אויך אין יעדן איינעם פֿון די דרײַ בענד 'פֿילאָלאָגישע שריפֿטן' פֿונעם ייִוו"אָ אין ווילנע (1926, 1928, 1929). זײַנע אַרבעטן האָט פֿון רוסיש איבערזעצט זלמן רייזען.

## יחיאל שיינטוך

# די קאָנספּיראַטיווע פּרעסע פֿון בונד אין וואַרשעווער געטאָ

נײַנצן אָרגאַניזאַציעס האָבן כּסדר פֿאַרעפֿנטלעכט אונטערערדישע קאָנספּי־ראַטיווע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין וואַרשעווער געטאָ. אין דער אַרבעט

ווערן אַרײַנגערעכנט אויך פּובליקאַציעס, וואָס זײַנען צו אונדז ניט דערגאַנגען, אָבער וועגן וועלכע מיר האָבן אויסגעפֿונען גענוג פּרטים, צונויפֿגעקליבענע פֿון פֿאַרשיידענע מקורים. דער בונד, צוזאַמען מיט זײַן יוגנט־באַוועגונג 'צוקונפֿט', האָט אַרויסגעגעבן צוועלף אַזעלכע אויסגאַבעס, ווי ווײַט עס איז באַוווּסט עד היום. דאָס איז בערך 23% פֿון דער גאַנצער אונטערערדישע פּרעסע אין וואַרשע. מיר האָבן געזען 62 נומערן בסך־הכּל.

די בונדישע פּעריאָדישע פּרעסע איז געווען געדרוקט און פֿאַרשפּרייט אין געטאָ אין קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען, אין פּראָוויזאָרישע דרוקערײַען, וואָס פֿלעגן כּסדר בײַטן זייער אָרט כּדי אויסצומײַדן אַנטדעקט צו ווערן. עס ווערן געבראַכט פּרטים וועגן דער שליחות פֿון די פֿאַרבינדלערס (דער עיקר מיידלעך), וואָס פֿלעגן אײַנשטעלן דעם לעבן פֿאַרשפּרייטנדיק די אומלעגאַלע פּרעסע. זייער עבֿודה האָט געהייסן 'קאָלפּאָרטאַזש'. עס ווערט אָנגעוויזן אויף די באַמיִונגען זיך צו פֿאַרבינדן מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער אונטערגרונט־באַוועגונג.

עס איז גאַנץ באַשײַמפּערלעך, אַז די אונטערערדישע פּרעסע פֿון בונד איז געווען ניט נאָר אַ קולטורעלע דערשײַנונג אין יידישן לעבן אין וואַרשעווער געטאָ, נײַערט דער עיקר אַן אַקטיווע פֿאָרם פֿון ווידערשטאַנד אין קאַמף קעגן דער נאַצישער אָקופּאַציע און איר טעראָר.

עס ווערן צוגעגעבן צוויי רשימות: די ערשטע — פֿון די ביז איצט באַקאַנטע פּובליקאַציעס, די צווייטע — פֿון די פּובליקאַציעס און איינצלנע נומערן וואָס פֿעלן.ביידע רשימות צוזאַמען באַשטעטיקן דעם אײַנדרוק, אַז די בונדישע קאָנספּיראַטיווע פּרעסע אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַ סך גרעסער און פֿאַרצווײַגטער ווי מען איז פֿריִער משער געווען.

## זעליק קלמנאָוויטש

# אַרויסגעריסענע בלעטלעך פֿון אַן עסיי

די פֿיר בלעטלעך האָבן זיך פֿאַרוואַלגערט צווישן די אוצרות פֿונעם **ליטווישן** אַרכיוו אין ווילנע. פֿאָרמעל זײַנען זיי באַצייכנט אַזוי: Lietuvos Centrius Valstibes Archyvas F. R-1390; Ap. 1:B.25:L109.

דעם עסיי האָט זעליק קלמנאָוויטש משמעות געשריבן אין ווילנער געטאָ אין 1942סטן יאָר.

אַפֿילו פֿון די פֿיר בלעטלעך קען מען עפּעס לערנען וועגן דעם מחברס צוגאַנג צו דער ייִדישער געטאָ־עקזיסטענץ.

למשל אַזוי: "זײַט די צען יאָר וואָס דער צורר איז 'עלה בראש' **ווילן** מיר די מלחמה, זײַנען מיר אויף איר מתפּלל. עס פֿאַרדריסט אונדז נאָר, וואָס **יענע** האָבן אַזוי לאַנג אָפּגעשלעפּט -------- מעגן מיר זיך אײַנרעדן, אַז מיר האָבן דעם קריג

ניט געוואָלט, אַז 'מיר' שטייען אָן אַ זײַט? -------- מיר זײַנען ניט דאָס אומשולדיקע לעמעלע, וואָס דער תּלין שעכט. ניין: מיר זײַנען דער באַזיגטער צד, דער געפּאַלענער, אָדער צײַטווײַליק געפּאַלענער. ------ פּאַר אַ פּאָלק אָבער איז גלײַכער מען זאָל עס האַלטן פֿאַר אַ געפּערלעכן שונא, איידער מען זאָל אויף דעם רחמנות האָבן".

מיר ברענגען דאָ אַ קאָפּיע פֿון די פֿיר זײַטעלעך פֿונעם כּתב־יד מיט אַן איבערזעצונג אויף העברעיִש.

## י. ל. פּרץ

# העברעיִש און יִידיש

דאָס איז אַ קליינינקער עסיי, וועלכן פּרץ האָט בשעתו פֿאַרעפֿנטלעכט אין זשורנאַל 'יודישע וואָכענשריפֿט' נומ' 1–2, וואַרשע 28סטן יאַנואַר (10 פֿעברואַר) 1909, ז"ז 1–2.

ווי אַ סך צווייִשפּראַכיקע שרײַבערס פֿון יענעם דור וויל פּרץ געפֿינען דעם מכנה־משותּף, וואָס זאָל דינען פֿאַר אַ פּשרה צווישן די קנאים פֿון לשון־קודש און די אוהבי־יִידיש. אָט אַזוי:

"העברעיִש פֿאַרבינדט אונדז מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט: 'פּסיק רישא ולא ימות' — אָן אַ קאָפּ לעבט מען נישט. אָבער יִידיש פֿאַראייניקט אונדז אין דער געגנוואַרט. אָן יִידיש קאָן קיין יִידיש לעבן נישט זײַן!"

## פּרץ מאַרקיש

# די עסטעטיק פֿון קאַמף אין דער מאָדערנער דיכטונג

לכּבֿוד דעם 100־יאָריקן געבוירן־טאָג פֿון פּרץ מאַרקישן (1895–1952) דרוקן מיר דאָ אַ העברעיִשע איבערזעצונג פֿון זײַן באַרימטן עסיי, וועלכער איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין זשורנאַל 'רינגען', דאָס צענטע העפֿט, וואַרשע, 1922, ז"ז 35–41.

דאָס איז אַ פּאַטעטיש־הילכיקער רוף אין גײַסט פֿון שטורמישן עקספּרעסיאָניזם. אָט אַזוי, למשל:

"נישטאָ קיין מוזעס, וואָס קומען אַראָפּ פֿון די הויכע פּאַרנאַסן, מיט דעם קינסטלער צו פֿלירטעווען און נודיען זיך מיט אים. און דער קינסטלער זיצט ניט ווי אַ קרעמער אין אַ קלייט מיט פֿאַרטײַטעטער וואַרטעניש אויף פּדיון.

די מוזעס — דאָס זענען זײַנע בלוטן, וואָס דרייען זיך אַרום אין זײַנע אָדערן, ווי אָנגעצונדענע שלענג און ווילן אַרויס דורך יעדער שפּאַרינקעלע פֿון זײַן לײַב, וואָס פּולסירן אין זײַנע נערוון, ווי טויזנטער משוגע־געוואָרענע אָרקעסטערס, רײַסנדיק זיך פֿון האַרץ און צו האַרץ.

ער איז נישט מענטש באַזונדער און דיכטער באַזונדער. ער האָט נישט קיין באַזונדער שבתדיק בלוט און באַזונדער וואָכעדיק בלוט.

ער איז שטענדיק־פֿליסנדיקער שטראָם פֿון אויסגעמישטע פּײַנען און פֿריידן, און ער באַרירט זיך מיט אַלץ, וואָס קומט אים אַנטקעגן".

## שפֿרה עפּשטיין

# די ערשטע פּורים־שפּיל בײַ די באָבאָווער חסידים אין אַמעריקע

דער עסיי שטעלט פֿאָר די ערשטע פּורים־שפּיל אינעם חסידישן קרײַז פֿון די באָבאָווער, וואָס איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן 3 יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין 1948סטן יאָר. די שפּיל הייסט 'אין צײַט פֿון פֿאַרנומענעם פּוילן'.

דער סוזשעט און די בילדער זײַנען ממש אַזוי ווי אַרויסגענומען פֿונעם לעבן אין געטאָ, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווי אויך בשעת דער באַפֿרײַונג און דעם פּיינלעכן אַרומזוכן פֿון לעבן־געבליבענע קרובֿים.

דאָס איז משמעות געווען איינע פֿון די ערשטע פּיעסן, וועלכע איז געווען געווידמעט דער טעמע פֿון ייִדישן חורבן.

די אַרבעט פֿאָרשט אויס ווי אַזוי אָנהאַלטנדיק זיך אָן דעם סטיל און טראַדיציע פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן פּורים־שפּיל איז דער באָבאָווער קהילה אין אַמעריקע געלונגען צו שאַפֿן אַ יחיד־במינודיקע פּסיכאָדראַמע, וואָס מיט איר הילף האָבן זיי ווי אַן אָרגאַניזירטער עולם געפּרוּווט באַקעמפֿן די טראַומע פֿון גרעסטן חורבן אין ייִדישן לעבן.

דער אָריגינעלער טעקסט פֿון 'אין צײַט פֿון פֿאַרנומענעם פּוילן' איז לײדער ניט אָפּגעפֿונען געוואָרן. אַזוי טאַקע האָט פּאַסירט מיט אַ פֿאָלקס־פּיעסע. דאָ ווערט געבראַכט אַ קורצער תּמצית פֿון דער פּיעסע, וועלכן עס האָט אָנגעשריבן פֿון זײַן זיכּרון ר' משה אַפּטערגוט אין 1987טן יאָר. ער אַליין האָט טאַקע בשעתו אָנגעשריבן די פּיעסע, דיריזשירט די פֿאָרשטעלונג און אויך געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע פֿון דער ייִדישער מאַמען.

אַבֿרהם קרן

# העברעיִשע יסודות אין שלום כּצעס זאַמלונג פֿון יידישע שפּריכווערטער אין טאָראָנטאָ

דער מחבר ווײַזט אָן אויף אַ גאַנצע שורה העבראַיִזמען אין אַ זאַמלונג פֿון 1146 שפּריכווערטער. העבראַיִזמען געפֿינען זיך אין 650 פֿון זיי.

דער מחבר פֿאַרטיילט אויספֿירלעך די שפּריכווערטער לויט זייערע טעמעס און שטעלט זיך אָפּ אויף דער רעלאַטיוו זייער וואָגיקער ראָלע פֿון די העברעיִשע עלעמענטן און זייערע וואָרצלען. אויסער דעם ברענגט ער אַ ביבליאָגראַפֿישע רשימה און כּדרך משל — 142 שפּריכווערטער.

פּראָפֿ׳ דב נוי האָט אָנגעשריבן אַ קורצע הקדמה וועגן דעם בוך און זײַנע מקורים.